בס"ד

בהר בחקותי תשפ"ה

גליון 238

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין

וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ גמ״ח אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט!

דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, רֶעדְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן אַ אִיד וָואס אִיז נֶעבֶעך גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן אוּן הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, וֶוען עֶס קוּמְט יוֹבֵל גֵייט עֶר אַרוֹיס פְרַיי, וַוייל "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם".

פַאר מִיר בְּרֶענְגֶען אַ דִּבּוּר פוּן ר' נָתָן וָואס עֶס מֵיינְט אַ קְנֶעכְט וֶועלְן מִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט בָּארְגֶערִיסְקִי...

"וֶוער וִויל בָּארְגְן גֶעלְט?" הָאט זִיךְ גֶעלֵיינְט אוֹיף דִי מוֹדָעוֹת, וָואס זֶענֶען צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גַאסְן פוּן שְׁטָאט. אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעלֵיינְט מִיט נַייגֶער, 'וָואס אִיז פְּשַׁט? וֶוער הָאט גֶעלְט? וֶוער פַארְבָּארְגְט גֶעלְט?'



וֶוען מֶען הָאט נֶענְטֶער צוּגֶעלֵייגְט דִי אוֹיגְן צוּ דִי מוֹדָעוֹת הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען שְׁטֵיין גֶעשְׁרִיבְּן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן שְׁטָאט, ר' גֶעצְל, הָאט גֶעעֶפֶּנְט אַ נַייעֶ גְמִילוּת חֶסֶד וואוּ מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט בַּאקוּמֶען הַלְוָואוֹת. מֶען בְּרוֹיך נִישְׁט קַיין עֲרֵבִים אוּן אוֹיךְ זֶענֶען דִי צָאלוּנְגֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער.

דִי שְׁמוּעָה הָאט זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט פוּן מוֹיל צוּ אוֹיעֶר וִוי אַ וִוילְד פַייעֶר. "הָאסְט גֶעהֶערְט? ר' גֶעצְל טֵיילְט גֶעלְט!"

"וָואס? וואוּ? וִויפִיל גֶעלְט מֶען וִויל?"

"כְ'גְלֵייבּ אַז סְ'הָאט אַ סִיסְטֶעם. מְ'קֶען נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט אַרַיין – סְ'אִיז אַן הַלְוָואָה."

"אוּהַא! אִיךְ זָאג דִיר, סְ'אִיז אַ גֶעלֶעגֶנְהַייט. מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן אוֹיף דֶעם."

בְּקִצּוּר, בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז שׁוֹין ר' גֶעצְל'ס שְׁטוּבּ בַּאלַאגֶערְט גֶעוָוארְן מִיט אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט. יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט שְׁפַּאנוּנְג אוּן גֶעוַוארְט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶענוּמֶען דוּרְךְ ר' גֶעצְל.

"אַ גוּטְן, וָואס אִיז אֵייעֶר נָאמֶען?" הָאט ר' גֶעצְל גֶעפְרֶעגְט פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן אִין דִי רַייעֶ.

"אַבְרָהָם צִימְשׁוּנָאוִויטְשׁ."

"וִויפִיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"אִיךְ מַאך חֲתוּנָה דְרַיי קִינְדֶער אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר. אִיךְ נוֹיטִיג זִיךְ אוּן אַ רִיזִיגֶע הַלְוָואָה.

"ר' אִיד, אִיר דַארְפְט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן וָואס אִיר וִוילְט טוּן מִיט דָאס גֶעלְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ בְּרוֹיךְ וִויסְן אִיז, וִויפִיל אוֹיסצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טְשֶׁעק.

שְׁטִיל. ר' אַבְרָהָם פַארְלִירְט זַיין לָשׁוֹן, עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן אַזָאנְס...

"נוּ, עֶס וַוארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ

הָאבּ נָאךְ אַ לַאנְגֶער טָאג הַיינְט. וִויפִּיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"הֶמְמְמְ... הוּנְדֶע--רְ-ט טוֹיזֶ--ענְט דָאלֶ--ער!" הָאט ר׳ אַבְרָהָם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּשְׁטַאמְלֶען.

"אָקֶעי, דָא הָאט אִיר דֶעם טְשֶׁעק. אָבֶּער גֶעדֶענְקְט, דָא שְׁטֵייט דֶער טֶערְמִין וֶוען מֶען בְּרוֹיךְ קוּמֶען בַּאצָאלְן." ר׳ גֶעצְל דֶערְלַאנְגְט אִים אַ שְׁטַר אוּן גֶעוִויזְן דֶעם דַאטוּם וֶוען דָאס גֶעלְט דַארְף אָפְּגֶעבְּרֶענְגְט וֶוערְן.

אוֹיךְ ר׳ בֶּערְל, ר׳ שַׁמַּאי, ר׳ שָׁלוֹם אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרִיבֶּער ר׳ גֶעצְל אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן בַּאהַאנְדְלוּנְג.



ר׳ אַבְרָהָם קוּמְט אַהֵיים גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. עֶר גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעמִיט. זַיין פְרוֹי גֵייט אַרוּם אַיינְקוֹיפְן שְׁטָאפִיר. מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אַ חֲתוּנָה-זַאל אוּן קֶעיטֶערִינְג. אוֹיךְ פַארְן גְרוֹיסְן שַׁבָּת אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע הֲכָנוֹת אַרוּם.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר אִיז אַדוּרְכְגֶעלָאפְן אִין אַן אוֹיגֶנְבְּלִיק וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה טַאנְצְט פוּן אֵיין חֲתוּנָה צוּם צְוֵוייטְן. דִי פָארְפֶעלְקֶער זֶענֶען זִיךְ יֶעדֶער אַהֵיים צוּ זֵייעֶר וואוֹינוּנְג גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אוּן דֶער טֶערְמִין פוּן בַּאצָאלְן הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט, שְׁנֶעלֶער וִוי ר׳ אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶערָאכְטְן. אַ פֶּענִי [קלײן מטבע] פוּן וואוּ צוּ בַּאצָאלְן אִיז נִישְׁטָא. ר׳ אַבְרָהָם דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ. פוּן וַואנֶעט וֶועט עֶר נֶעמֶען צוּ בַּאצָאלְן דֶעם פַאנְטַאסְטִישְׁן סוּמֶע? עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּקְן ר׳ גֶעצְל אִין פָּנִים.

אוֹיךְ ר׳ גֶעצְל וֶוערְט אוּמְרוּאִיגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג. עֶר הָאט פַארְבָּארְגְט רִיזִיגֶע סְכוּמִים פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאוִויזְן אָפְּצוּגֶעבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן דֶער הַלְוָאָה. עֶר וִויל נִישְׁט טְרָאגְן קַיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אָבֶּער פָארְט, אַבִּיסְל מֶענְטְשְׁלִיכְקַייט... 'אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְשׁ?' טְרַאכְט עֶר מִיט פַארְאִיבְּל. טַאקֶע נִישְׁט שַׁיין אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס גוּטְסְקֵייט. בְּרֶענְג כָאטְשׁ עֶפֶּעס... עֶפֶּעס צוּ וַוייזְן אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ צוּטוּן. קוּם זִיךְ כָאטְשׁ פַארְעֶנְטְפֶערְן. קֶענְסְט קוּמֶען בֶּעטְן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין. מַאך גְרִינְגֶערֶע צָאלוּנְגֶען – דִי מִינִימוּם וָואס דוּ קֶענְסְט, אָבֶּער אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג צוּ מַאכְן אִיז מַמָּשׁ אַן אוּמְרֶעכְט.

אֵיין ר׳ אַבְרָהָם אִיז פַארְהַאן וָואס זַיין גֶעוִויסְן פַּיינִיגְט אִים. עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ, עֶר מוּז פַאר יֶעדְן פְּרַייז בַּאצָאלְן דֶעם חוֹב, אָבֶּער פוּן וואוּ? עֶר נֶעמְט דִי קוּרַאזְשׁ אוּן גֵייט אַרָאפּ צוּ ר׳ גֶעצְל. עֶר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ טוֹיזְנְט מָאל אוּן פַאלְט אִים צוּ דִי פִיס. "טֵייעֶרֶער ר׳ גֶעצְל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער," וֵויינְט עֶר. "אִיךְ הָאבּ אַייךְ בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט בַּאצָאלְן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר גֶעדְרִיקְט. אֶפְשָׁר קֶען מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין פוּן צָאלוּנְגֶען?" בֶּעט עֶר זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

"קוּק אַהֶער ר׳ אַבְרָהָם," עֶנְטְפֶערְט ר׳ גֶעצְל, "וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט מִיר בַּאצָאלְן דַיין חוֹב? מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג אַסַאךְ מֶער וִוי דִיר, אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן," הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט. דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אָרֶנְטְלִיךְ אוּן זִיךְ כָאטְשִׁיג בַּאוִויזְן זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן, אַנְדֶערֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט. אִיךְ וֶועל דִיר מְוַותֵּר זַיין דֶער חוֹב אָבֶּער אִיךְ וִויל פוּן דִיר נָאר

אֵיין זַאךְ: דו זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין צוּ דִי אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹב און צַאמְנֶעמֶען פוּן זֵיי דָאס גֶעלְט. דֶערְפוּן וֶועל אִיךְ הָאבְּן פִיל מֶער רֶוַח וִוי וֶוען דוּ וֶועסְט מִיר אָפְּגֶעבְּן נָאר דַיין חוֹב." דֶערְבֵּיי הָאט אִים ר' גֶעצְל גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע בִּינְטְל מִיט שְׁטָרוֹת וואוּ עֶס אִיז פוּנְקְטְלִיךְ פַארְצֵייכְנְט וֶוער און וִויפִיל מֶען אִיז אִים שׁוּלְדִיג.

ר' אַבְרָהָם אִיז אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ אַז ר' גֶעצְל אִיז מְוַותֵּר אוֹיפְן רִיזִיגְן חוֹב. עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל זִיךְ צוּ קוּמֶען בַּאוַוייזְן פַארְן עוֹשֶׁר בַּאצַייטְנְס. און פְלַייסִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ און אָפְּגֶעבֶּעטְן דִי חוֹבוֹת. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט הָאט עֶר גֶענוּמֶען נָאר אַבִּיסְל. אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ שְׁטֵיין אִיז אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר הַארְץ צוּ בַּאצָאלְן כָּאטְשִׁיג אַ קְלֵיין טֵייל פוּן זֵייעֶר הַלְוָאָה. מִיט דֶער צַייט הָאט שׁוֹין ר' אַבְרָהָם גֶעהַאט אָנְגֶעקְלִיבְּן אַ פַאנְטַאסְטִישֶׁע סוּמֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן פַאר ר' גֶעצְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא בֶּן שִׂמְחָה, בְּרֶענְגְט דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן מָשָׁל מִיט דִי פָאלְגְנְדֶע נִמְשַׁל:

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שֶׁענְקְט פַארְן מֶענְטְשׁ אָן אַ שִׁיעוּר טוֹבוֹת וָואס עֶר וִויל מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס אִיז זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר גֶענִיסְט פוּן דִי פוּלֶע גוּטְס אָן צוּ בַּאצָאלְן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי חוֹבוֹת.

זָאגְט מֶען פַאר דֶעם אִיד, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי אוּמְצָאלִיגֶע גוּטְס און טוֹבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט



דִיר גֶעטוּן, אָבֶּער וָואס דוּ קֶענְסְט יָא טוּן אִיז צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע אִידְן, צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים און נָאנְטֶע און זֵיי עֶרְוֶועקְן און מְעוֹרֵר זַיין צוּ דַאנְקְן און רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וִוי מֶער אִידְן וֶועלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט וֶועלְכֶער אִיז דֶער גְרוֹיסֶער פַארְבָּארְגֶער און עֶר אִיז דֶער וָואס פַארְבָּארְגְט אוּנְז דִי אַלֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע בַּאצָאלוּנְג וָואס מִיר גֶעבְּן צוּרִיק פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אִין קוּרְצְן: וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דִיר אַלֵיין בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת און וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין חַבֶר, דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, דַיינֶע קְרוֹבִים, דֶערְמַאן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, זָאג: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען גֶעזוּנְט, אַ גוּטֶע חֵדֶר, אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, אַ לוּפְטִיגֶע וֶועטֶער, א.א.וו אַלֶעס קוּמְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע קֵייטְל פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס וֶועלְן דַאנְקְן און צוּרִיקְצָאלְן זֵייעֶר חוֹבוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי פַארְבָּארְגְט!

ר' נָתָן אִין זַיין שְׁפְּרַאךְ זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אַ קְנֶעכְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶע סָארְטְן צְדָקָה און חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע, מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּן מִיט אַ בִּיטוּל און אַ תְּמִימוּת, אַזוֹי קֶען דֶער אִיד גְרַייכְן און בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנוֹת און אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת בִּיז מֶען לָאזְט אִים אַרַיין אִין אַזֶעלְכֶע בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת וָואס אֲפִילוּ אַ קִינְד פוּן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג לָאזְט מֶען דָארְט נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן דֶעם פָּשׁוּטֶ'ער עֶבֶד וָואס דִינְט זַיין הַאר.

# וואו איז יאסעלע? #8

*אין קורצן פון פריער:*

*ווען אנ"ש פארן ארויס צוזאמען צום גרויסן הנחת אבן הפינה פאר ישיבת ברסלב אין בני ברק פארן זיי אריין אין רמלה צו באזוכן ר' נחמן שטראקס אין תפיסה. די וועכטער לאזן זיי נישט אריין נאך א לאנגע משא ומתן באקומט ר' נחמן ערלויבעניש צוצוטרעטן צום פענסטער וואו די חברים שרייען אים פונדרויסן, "ר' נחמן שטארק זיך און דערהאלט זיך!" אים צו מחזק זיין און דערפרייען.*

די פאליציאנטן האבן אנגעכאפט יאסעלע וועלכער האט זיך גערופן יענקל גערטנער און אים גענומען מיט זיך ווען זיי געבן איבער די ידיעה פאר די הויכע פענסטער'ס פון די ציוניסטישע מדינה, "דאס קינד איז ביי אונז אין האנט!"

נישט גלייך האט זיך יאסעלע אונטערגעגעבן, ער האט געהאט א וואוילע גוטע חינוך און א געוואלדיגע שטארקייט וויפיל מען האט אים פראבירט פרעגן קשיות און פראגעס האט ער זיך אלס געהאלטן מיט זיינס 'ער הייסט יענקל גערטנער!'. די ציונים האבן דערפאר געשיקט רופן די עלטערן זאלן קומען קיין אמעריקע און אנטקעגן זיין אמת'ע טאטע מאמע האט שוין יאסעלע נישט געקענט בלייבן מיטן שפיל און ער האט זיי אויסגעזאגט דעם פשוט'ן אמת: "אני יוסף"... איך בין אייער יאסעלע....

אזוי ווי די מעשה האט באקומען א מורא'דיגער פרסום איבער די גאנצע וועלט איז פאר די




ציונים געווען זייער וויכטיג געווען צו ווייזן פאר די וועלט זייער געווינס, אלע צייטונגען זענען געווען פול מיט בילדער ווי יאסעלע טרעפט זיך מיט זיין טאטע מאמע ווען איבער דעם א גרויסן קעפל "געפונען יאסעלע" !

יאסעלע איז ליידער אריבער זייער א שווערער נסיון, פאר אזא קליין קינד, ווען זיינע אייגענע עלטערן פירן אים אראפ פון אידישן וועג און דערווייטערן אים פון באשעפער, מען האט געשווענקט זיין מח מיט נארישקייטן ביז ער איז נעבעך אינגאנצן פריי געווארן, די ציונים האבן מפרסם געווען אין די צייטונגען דער נייער יאסעלע... אן קיין קאפל און פיאות ווייט נעבעך פון זיין אמת'ן חן.

דער זיידע איז באפרייט געווארן פון תפיסה און יאסעלע איז געגאנגען וואוינען מיט זיינע עלטערן. זיי זענען נישט געגאנגען וואוינען קיין רוסלאנד נאר געבליבן וואוינען אין ארץ ישראל אבער ליידער זייער ווייט פון אידישקייט. דער פעטער פון יאסעלע, ר' שלום שטראקס - איז נעבעך געווען באשולדיגט מיטן נעמען א חלק אינעם פארכאפן יאסעלע איז געווען צוויי יאר אין לאנדאן ווייט פון זיין פאמיליע. נאכן הערן

אז יוסעלע איז שוין פארכאפט האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל. אבער די ציונים האבן זיך נאך געדארפט נוקם זיין. ווען ער האט דערגרייכט דעם בארטן פון ארץ ישראל איז ער איינגעזעצט געווארן אין תפיסה. נישט געווען צוויי יאר זיין ווייט פון די משפחה, האט ער נאך געדארפט שמאכטן אין תפיסה פאר נאך זיבן מאנאטן ביז מען האט אים באפרייט לחיים ולשלום.

די פרשה פון יאסעלע איז פארצייכנט פאר א זיג פון די ציונים אין זייער קאמף קעגן די פרומע אידן, עס קוקט אויס ליידער ווי די סטרא אחרא האט באזיגט די קדושה, אבער דער אמת איז אז די פרשה פון יאסעלע האט ארויסגעטעלט דעם שווערן מצב פון אידישע קינדער אין יענע צייט, עס זענען געווען אין יענע צייט אן א שיעור יאסעלעך וועלכע זענען ליידער אפגעפירט געווארן פון די הייליגע אמונה. די "ילדי טהרן" אידישע קינדער פון פרומע משפחות וועלכע זענען דא אין ארץ ישראל ליידער אינגאנצן אפגעפירט פונעם אידישן וועג, אזוי אויך די אלע קהילות פון תימן, מאראקא, שפאניע, סוריע א.א.וו. וועלכע זענען ארויפגעקומען פון זייערע לענדער וואילע ערליכע פרומע אידן און די ציונים האבן גענומען די יונגע קינדער און זיי אראפגעפירט פון אידישקייט, די זעלבע אויך די קינדער פון שארית הפליטה פון רוסלאנד און פוילן נאכן וועלטס קריג נעבעך איבערגעליבענע נשמות קוים ביים לעבן האט מען זיי צוגענומען די אמונה אין באשעפער.

עס איז ליידער געווען א גזירת שמד פאר טויזנטער אידישע קינדער וואס האבן נישט געהאט ווער זאל הערן זייער וויי-געשריי און זיך קריגן פאר זייער לעבן, אונזער יאסעלע האט זוכה געווען צו האבן א זיידע מיט א מורא'דיגע מסירות נפש וועלכער איז נישט געבליבן גלייכגילטיג צו זען ווי מען גייט אוועקנעמען זיין אייניקל פון באשעפער, ער האט זיך נישט מייאש געווען! עס איז געווען זייער וויכטיג דעם רוחניות'דיגן לעבן פון זיין אייניקל און האט איבערגעקערט פאר אים א וועלט פשוטו כמשמעו...

כאטש יאסעלע איז צום סוף ליידער געבליבן נישט א חרדיש'ער איד האט אבער דער גאנצער דין ודברים ארום דעם נושא געמאכט א מורא'דיגער רעש אין דער וועלט, עס האט ארויסגעוויזן פאר אלעמען די אמת'ע מטרה פון די ציונים, הרה"ג ר' ראובן קארלנשטיין זצ"ל שרייבט אין זיין ספר יחי ראובן אז בעפאר די פרשה פון יאסעלע איז ליידער נאר געווען אזא מציאות אז אידן ווערן פורקי-עול און ווערן פריי, עס איז נישט געווען אזא סארט מושג פון בעלי תשובה, אבער נאך די פרשה מיט יאסעלע האט זיך אנגעהויבן ווירבלען תנועות פון תשובה, אן א שיעור אידן האבן גענומען זוכן דעם אמת אין זייער לעבן און געטראפן זייער וועג צום באשעפער, ער נוצט דעם אויסשפראך, דער עולם איז נישט קיין גולם... די פרייע וועלט האט אנגעהויבן אביסל צו כאפן אז מען האט זיי פארנארט און גענומען זוכן דעם אמת.

מיר גלייבן אז די אלע נקודות טובות וואס יאסעלע האט ארייגעכאפט באגלייט אים נאך עד היום , דאס קאפל, יעדע קוש פאר די ציצית, זיינע פיאות'לעך אלס קינד. אזוי ווי מען

דערציילט אויף דער הייליגער רבי (שיחות הר"ן רפ"ח) אז דער רבי ז"ל האט געוואלט מחזק זיין א איד האט ער אים געזאגט די ווערטער "ושוב יום אחד לפני מיתתך" טו תשובה איין טאג פארן שטארבן און אויסגעצויגן די ווערטער "י ו ם  א ח ד !" איין טאג! דאס מיינט אז אפילו א איד איז זוכה נאר איין טאג איז זיין גאנצן לעבן צו תשובה טון פארן השי"ת איז עס זייער א גרויסע פארדינסט טייערע פון כל הון דעלמא, ווייל געווענליך ווען א מענטש פאלט אראפ טראכט ער ביי זיך אז יעצט האט ער שוין אלעס פארלוירן אפילו די גוטע זאכן וואס ער האט פריער געטון, אבער דער רבי לערנט אונז אז נישט אזוי קוקט מען אין הימל, אפילו א מענטש איז געווען ערליך בלויז איין טאג און געדינט דעם באשעפער איז דאס זייער א גרויסע זאך, טראץ וואס שפעטער איז ער ליידער געפאלן וואו ער איז געפאלן אבער יעדער טאג פאר זיך איז זייער א געוואלדיגע טייערע פארדינסט!

המשך פון זייט 12

# נִישְׁט גֶעווּאוּנֶען דֶעם גוֹרָל




שַׁבָּת און אוֹיךְ שַׁבָּת נָאכְן סְעוּדָה און וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט אַ לֵיידִיגֶע מִינוּט הָאט עֶר עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט. בִּיז עֶר הָאט שוֹין גֶעהַאט 52 קַארְטְלֶעךְ.

וִוידֶערְאוּם זַיין חַבֵר בֶּענְצִי הָאט גֶעלֶערְנְט וֵוייניג צַייט און גֶעהַאט נָאר 12 גוֹרָל קַארְטְלֶעךְ. דֶער טָאג אִיז גֶעקוּמֶען, אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אַרוּם דֶער רֶבִּי וֶוען עֶר צִיט אַרוֹיס דֶעם גְלִיקְלִיכֶער גֶעוִוינֶער פוּנֶעם אוֹיסְגֶעוַוארְטֶענֶעם גְרוֹיסְן גוֹרָל,

און וֶוער מֵיינְט אִיר הָאט גֶעוִוינֶען? בֶּענְצִי!

יִשְׂרָאֵלִ'יק הָאט זֵייעֶר בַּאדוֹיעֶרְט און זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַזָאנְס? אִיךְ הָאב דָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מֶער צַייט פוּן אִים...".

נָאר דָא קוּמְט אַרַיין דִי אֱמֶתֶ'ע אֱמוּנָה. דִי פָּשׁוּטֶ'ע רֵיינֶע אֱמוּנָה וָואס מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס מַאכְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן און גִיבְּט אוּנְז אַלֶעס. דִי אֱמֶתֶ'ע אֱמוּנָה קוּמְט אַרוֹיף דַוְקָא וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְז אָן שְׁוֶוער, וֶוען מִיר זֶען פַאר דִי אוֹיגְן זַאכְן וָואס סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, דַאן דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה און גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר אִידְן דְרַייעֶן זִיךְ מִיט אֱמוּנָה און מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלְס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אוּנְז, אֲפִילוּ אוֹיבּ אוּנְזֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

# לעובדא ולמעשה

מַר וָואלְפְסוֹן אַ בַּאוואוּסְטֶער עוֹשֶׁר אִין חַבַּ"ד, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט לֶענִיגְרַאד. וֶוען זַיין בָּחוּר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט קִיעֶוו. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אַז זַיין זוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער לַיידֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען גְרִיסְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אִיז נִישְׁט בֵּין כּוֹתְלֵי בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז עֶר גָאר גֶעוָוארְן אַ גַנָב רַחֲמָנָא לִיצְלָן!

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִין דֶער זַייט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין קִיעֶוו, עֶר מוּז זִיךְ זָאפָארְט טְרֶעפְן מִיט זַיין בָּחוּר. אַז דֶער בָּחוּרְ'ל הָאט לַיידֶער פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶר זִיכֶער פַארְגֶעסְן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס קוּמְט פַאר תּוֹרָה, וֶוען הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין טַאטֶע קוּמְט אִים בַּאזוּכְן הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם טַאטְן. דֶער טַאטֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין שְׁטָאט אִין אַלֶע עֶרְטֶער אִין קְלֵיינֶע אוּן אִין דִי גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן עֶר זוּכְט אִים אַרוּם וָואוּ מֶען זוּכְט אַ גַנָב, אָבֶּער דֶער בָּחוּר אִיז נִישְׁט צוּם בַּאקוּמֶען! דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ פוּן גְרוֹיס צַעַר.



בילד: אידן אין לעניגראד

אַזוֹי זוּכְנְדִיג זַיין זוּן אוּמֶעטוּם אִין אַלֶע ווינְקְלֶען בַּאגֶעגְנְט עֶר אוֹיפְן וֶועג ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפְּל ז"ל. דֶער עוֹשֶׁר כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט רֶבִּי הִירְשׁ לֵייבּ אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים זַיין פַארְוֵוייטָאגְטֶע הַארְץ. ר' הִירְשׁ לֵייבּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן הָאט מִיט אִים גְרוֹיס מִיטְלַייד, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִיק, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קפ"ח!" הֶער אוֹיס מַיין עֵצָה קוּם מִיט מִיר קַיין אוּמַאן, מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיוּן אוֹיף דֶעם וֵוייטָאגְלִיכְן פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער עוֹשֶׁר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ דֶעם עֵצָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט ר' הִירְשׁ לֵייבּ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל. שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קֶבֶר הָאט דֶער טַאטֶע פוּן גְרוֹיס צַעַר זַייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעכְלִיפֶּעט, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין אַנְטְלָאפֶענֶער זוּן, וֶועט עֶר זִיךְ אוּמְקֶערְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בָּחוּר צוּ וַוייל ן בַּיים קִבּוּץ מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט.

נָאכְן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ אִיז אִים גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, עֶר שְׁטֶעלְט זַיינֶע טְרִיט צוּרִיק קַיין קִיעֶוו. ווִי נָאר עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען


המשך פון זייט 10

# מעשה ב׳ - דער מלך און דער קייסער

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ קֵיסָר. דֶער קֵיסָר הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט. ווִידֶער אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.

הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל זוּכִין טָאמֶער וֶועט עֶר גִיפִינֶען עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ רְפוּאָה עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין הַארְבֶּערִיג. אוּן הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין.

הָאט דֶער קֵיסָר דֶער קֶענְט דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר הָאט אֵיין נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים מוֹדֶה גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אֵיין מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט דֶעם קֵיסָר אוֹיךְ דֶער קֶענְט אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס מַלְכוּת.

הָאט עֶר אִים אוֹיךְ מוֹדֶה גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין דֶער צֵיילְט אַז זֵיי פָּארִין פוּן קִינְדֶער וֶועגִין. הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. בְּאִם אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אַהֵיים אוּן זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער וֶועלִין הָאבִּין אֵיינֶע אַ זָכָר אוּן אֵיינֶע אַ נְקֵיבָה זָאלִין זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין.

אִיז גִיפָארִין דֶער קֵיסָר אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפָארִין אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אַ זוּן. אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז פוּן זֵיי פַּאר גֶעסְן גִיוָוארִין.

הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער לֶערְנֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גִישִׁיקְט זַיין זוּן לֶערְנֶען. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אָן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְלַמֵד אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נֶעמֶען

הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִינוּמֶען אַ פִּינְגֶערִיל אוּן הָאט אִיר אַרוֹיף גִיטָאן אוֹיף דֶער הַאנְד, הָאבִּין זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵן גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם הָאט גִישִׁיקְט דֶער קֵיסָר נָאךְ זַיין טָאכְטֶער אוּן הָאט זִי גִיבְּרַאכְט אַהֵיים,

דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט נָאךְ זַיין זוּהן אוּן הָאט אִיהם אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים.

אוּן מֶען הָאט גִירֶעט שִׁידוּכִים דֶעם קֵיסָר׳ס טָאכְטֶער. אוּן זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דֶעם הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט גִימַאכְט מִיט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז אוֹיךְ תָּמִיד טְרוֹיעֶרִיג גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסָר הָאט זִי גִיפִירְט אִין זַיינֶע הֵייף אוּן אִין זַיינֶע פַּאלַאצְן אוּן הָאט אִיר גִיווִיזִין אִיר גְדוּלָה אוּן זִי אִיז אַלְץ גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק

גִיוָוארִין.

און וָואס מֶען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס בִּיסְטוּ קְרַאנְק הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זָאגְן. הָאט מֶען גִיזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט טָאמֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּיי אִים דֶער קְלֶערִין.

הָאט עֶר זַיי גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ וֵוייס. וָוארִין דֶער וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט אִיז גִיוֶוען מִיט אִים דָארְט ווִי עֶר הָאט גִילֶערְנְט. הָאט עֶר זַיי גִיזָאגְט (כְּלוֹמֶר דֶער בַּאדִינֶער הָאט גִיזָאגְט זַיי פַּאר וָואס עֶר אִיז קְרַאנְק).

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ דֶער מַאנְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג מְשַׁדֵךְ גִיוֶוען מִיט דֶעם קֵיסָר. און אִיז גִיגַאנְגֶען און הָאט גִישְׁרִיבְּן צוּם קֵיסָר אַז עֶר זָאל זִיךְ רֶעכְטִין אוֹיף דֶער חַתוּנָה. וָוארִין דֶער שִׁידוּךְ אִיז דָאךְ שׁוֹין לַאנְג גִיוֶוען כַּנַ"ל.

דֶער קֵיסָר הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ. לוּשְׁמִיר עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אִים מֵעִיז זַיין. הָאט אִים דֶער קֵיסָר אָפּ גִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן זַיין זוּן צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִּירִין לֶענְדֶער וֶועט עֶר אִים גֶעבִּין זַיין טָאכְטֶער.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם זוּן צוּ אִים הָאט אִים דֶער קֵיסָר אַנִידֶער גִיזֶעצְט אִין אֵיין חֶדֶר. און הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין פַּאפִּירְן פוּן זַאכִין פוּן דֶער מְדִינָה כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִּירִין דִי מְדִינָה.

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט זִי צוּ זֶעהְן עֶר הָאט זִי אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט זֶעהְן. אַמָאל אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען לֶעבִּין אֵיין וַואנְט פוּן שְׁפִּיגְל הָאט עֶר זִי דֶער זֶעהְן אִיז עֶר גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת.

אִיז זִי גִיקוּמֶען צוּ אִים און הָאט אִים דֶער מִינְטֶערְט. און הָאט אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דָאס הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט שׁוֹין מִיט אִים גִיהַאט.

הָאט עֶר צוּ אִיר גִיזָאגְט. וָואס טוּט מֶען דַיין פָּאטֶער ווִיל אָבֶּער נִיט הָאט זִי גִיזָאגְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט הַאלְט זִיא זִיךְ נָאר אִין אִים. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זַיי אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטְן זַיי וֶועלִין זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אוֹיף דֶעם יַם. און הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אֵיין שִׁיף און הָאבִּין זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט אוֹיף דֶעם יַם.

זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זַיי גִיוָואלְט צוּ קוּמֶען צוּ אַ בָּארְטִין זֶענֶען זַיי גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטְן אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ וַואלְד זֶענֶען זַיי אַהִין גִיגַאנְגֶען.

הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִינוּמֶען דָאס פִּינְגֶערִיל און הָאט אִים גִיגֶעבִּין און זִי הָאט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיזֶעהְן אַז זִי וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיף שְׁטֵיין הָאט עֶר אַנִידֶער גִילֵייגְט דָאס פִּינְגֶערִיל לֶעבִּין

איר. דער נאָךְ זענען זיי גיגאַנגען צוּ דער שִׁיף.

דער וַוייל האָט זי זיךְ דער מאָנְט אַז זיי האָבּין פַאר געסִין דאָס פִינְגערִיל דאָרְט. האָט זי אים גישִׁיקְט נאָךְ דעם פִינְגערִיל. אִיז ער אַהִין גיגאַנגען, האָט ער נִיט גיקענְט גיפִינֶען דאָס אָרְט. אִיז ער גיגאַנגען וַוייטער און האָט וַוייטער נִיט גיקאָנְט גיפִינֶען דאָס פִינְגערִיל.

אִיז ער גיגאַנגען זוּכִין דאָס פִינְגערִיל פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדערִין בִּיז ער אִיז פַאר עֶרְט גיוָוארִין. און האָט זִיךְ שׁוֹין נִיט גיקאָנְט אוּם קערִין אִיז זי גיגאַנגען אים זוּכִין. אִיז זי אויךְ פַאר עֶרְט גיוָוארִין.

אִיז ער גיגאַנגען און האָט גיבְּלאָנְזֶעט און האָט אַלְץ וַוייטער גיבְּלאָנְזֶעט. נאָךְ דעם האָט ער דער זעהְן אֵיין וועג אִיז ער גיגאַנגען אִין יִשׁוּב אַרַיין און ער האָט נִיט גיהַאט וָואס צוּ טוּן אִיז ער גיוָוארִין אַ מְשָׁרֵת. און זי אִיז אויךְ גיגאַנגען און האָט גיבְּלאָנְזֶעט. האָט זי זִיךְ מְיַשֵּׁב גיוֶוען זי וֶועט זִיךְ אַנִידער זעצִין בַּיי דעם יָם אִיז זי גיגאַנגען צוּם בָּארְטְן פוּן דעם יָם.

און דאָרְט אִיז גיוֶוען בֵּיימער פוּן פֵּירוֹת. אִיז זי דאָרְט גיזעסְן. און בַּיי טאָג פְלעגְט זי אוּם גֵיין בַּאם יָם. טאָמער וֶועט זי גיפִינֶען עֶמִיצְן און זי האָט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן דִי פֵּירוֹת. און בַּאנַאכְט פְלעגְט זי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים כְּדֵי זי זאָל זַיין אָפּ גיהִיט פוּן דִי חַיוֹת.

המשך פון זייט 7

## לעובדא ולמעשה

אִין שְׁטָאט קִיֶעוו אִינֶעם געגְנְט וואוּ זַיין זוּן האָט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִיז דער זוּן אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט און אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְן טַאטְן מִיט בְּכִיוֹת מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "טַאטֶע, טַאטֶע, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?! אִיךְ האָבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִיר!".

דער עוֹשֶׁר האָט גֶעהַאלְטְן וָוארְט, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז ער טַאקֶע גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיטְן בָּחוּר'ל אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זִינְט דַאן זֶענֶען דִי צְוֵויי דער טַאטֶע מִיטְן בָּחוּר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶרֶךְ, נָאכְדֶעם וָואס דער רֶבִּי האָט צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט דִי פַארְלוֹירֶענֶע אֲבֵידָה צוּם רִיכְטִיגְן אָרְט.

וֶוען אַלֶע האָבְּן גֶעזֶען אַז יֶעדֶער דִּבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אִיז לֶעבֶּעדִיג און דער רֶבִּי שְׁטֵייט הִינְטֶער דֶעם אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט יָאר שְׁפֶּעטֶער, און דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַן אָפֶּענֶער נֵס און אַ מוֹפֵת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען דִי הוּנְגֶער יָארְן אִין אוּמַאן פְלֶעגְט דער עוֹשֶׁר שִׁיקְן מִיט זַיין בְּרֵייטֶע הַאנְט, עֶסְן און קְלֵיידוּנְג פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, וַוייל אִין לֶענִינְגְרַאד האָט נִישְׁט גֶעהֶערְשְׁט אַזַא הוּנְגֶער ווִי אִין אוּקְרַיינֶע.

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב' פון דער מלך און דער קיסר (1)

**א. האבן דער מלך און דער קיסר געהאט קינדער?**
- ❑ דער מלך האט געהאט קינדער און דער קיסר נישט
- ❑ דער קיסר האט געהאט קינדער און דער מלך נישט
- ❑ ביידע האבן נישט געהאט קינדער

**ב. וואו האבן זיך געטראפן דער מלך און דער קיסר?**
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם מלך
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם קיסר
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבערג)

**ג. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז אויב זיי וועלן האבן איינער א זון און איינער א טאכטער וועלן זיי זיך משדך זיין
- ❑ אז עס וועט זיין שלום צווישן זייערע מדינות
- ❑ אז זיי וועלן ווערן איין מדינה מיט איין קעניג

**ד. וואו האבן זיך געטראפן דער זון פון מלך און די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבערג)
- ❑ זיי האבן געוואוינט בשכנות.
- ❑ ביי איין מלמד

**ה. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קריגן
- ❑ אז זיי וועלן חתונה האבן
- ❑ אז זייערע קינדער וועלן זיך משדך זיין

**ו. וואו האט די בת הקיסר פארעסן דאס פינגערל (רינגל)?**
- ❑ אין איר שטוב פאר זי איז ארויס
- ❑ אויפ'ן שיף
- ❑ אין וואלד וואו זי איז געשלאפן

**ז. ווער האט געטראפן די פינגערל (רינגל)?**
- ❑ דער בן המלך
- ❑ די בת הקיסר
- ❑ קיינער נישט

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וועלכע מעשה האט מען געליינט פאר רבי נתן פאר זיין הסתלקות (על"ת מכתב ההסתלקות) ? ❑

## תשובות אויף פאריגע וואך

וואו נאך אין ספורי מעשיות ווערט דערמאנט "ברודער" ? "עופות" ? "חיות" ? "ווינטן" ?

**ברודער:** - אין מעשה ג': 1 מאל – אין מעשה ט': 2 מאל - אין מעשה י"א: 1 מאל - אין מעשה י"ב: 1 מאל

**עופות:** אין מעשה י"א: 4 מאל. - אין מעשה י"ב: 1 מאל. - אין מעשה י"ג: 1 מאל

**חיות:** אין מעשה ב': 1 מאל. - אין מעשה י': 3 מאל - אין מעשה י"א: 6 מאל - אין מעשה י"ב: 1 מאל. - אין מעשה י"ג: 1 מאל

**ווינטן:** אין מעשה ב': 1 מאל - אין מעשה ג': 1 מאל. - אין מעשה ז': 1 מאל - אין מעשה י': 2 מאל – אין מעשה י"ב: 1 מאל - אין מעשה י"ג: 3 מאל

וואו לערנען מיר זיך ביי די מעשה – וואס עס שטייט: "שכל אחד מאנשיו בוודאי יזכה בסוף לבוא בזה העולם למה שצריך"? - צום סוף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען

**געווינער אויף די בחינות פון אבידת בית מלך #3 איז ווידער אמאל: הילד החשוב נחמן ישראלי בית שמש,**

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב ב"ש

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# נִישְׁט גֶעוואוּנֶען דֶעם גוֹרָל

נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן פוּן פָּארְן אוֹיף וַוייטֶע נְסִיעוֹת אוּן פַארְשִׁידֶענֶע הִשְׁתַּדְּלוּת, אִיז גֶעקוּמֶען דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דֶער קֵייסֶער הָאט גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער אוּן דֶער מֶלֶךְ אַ זוּן.

אִין שְׁטוּב פוּן אֵיין מְלַמֵּד הָאבְּן דֶער זוּן אוּן טָאכְטֶער זִיךְ בַּאגֶעגְנְט אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעלִיבְּט בִּיז זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין אֵיינֶער מִיט דִי צְוֵוייטֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְן בַּאשְׁלִיסְן אַז זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶענוּמֶען אַ רִינְגְל אוּן דָאס אַרוֹיפְגֶעטוּן אוֹיף דֶער הַאנְט פוּן דִי בַּת קֵייסֶער אוּן שִׁידוּךְ גֶעשְׁלָאסְן.

וָואס אִיז מְרַמֵּז דִי רִינְגְל? וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן לְעוּבְדָא לְמַעֲשֶׂה אוֹיף עֲבוֹדַת ה'?

מִיר אַלֶע וֵויסְן אַז אַ רִינְגְל אִיז רִינְדִיג אוּן עֶס נֶעמְט אַרוּם דָאס גַאנְצֶע פִינְגֶער אַרוּם. דֶער רִינְג אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה וָואס אוֹיף דֶעם לֶעבְּן מִיר. דֶער פָּסוּק זָאגְט: "אֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ", דִי אֱמוּנָה נֶעמְט אַרוּם אוּן רִינְגְלְט אַרוּם דֶער מֶענְטְשׁ וואוּ אִימֶער עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט יֶעדֶע סְקוּנְדֶע פוּן טָאג.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶער חֲתוּנָה אִיז דִי כֹּחַ פוּן אֱמוּנָה - דָאס רִינְגְל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם אִיד יֶעדְן טָאג, אִין יֶעדֶע צַייט, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ.




וָואס אִיז גֶעשֶׁען וֶוען דָאס רִינְגְל - דִי אֱמוּנָה אִיז דָארְט פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים בָּארְטְן? זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דָאס אוֹיפְזוּכְן אוּן זֶענֶען פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אוּן דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן וַוייט וַוייט. דָאס גֶעשֶׁעט וֶוען ס'אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֱמוּנָה! אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַלֵיין מְסַדֵּר זַיין, עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס, אָבֶּער אָן אֱמוּנָה בְּלַייבְּט אַלֶעס שְׁטֶעקְן, אַלֶעס וֶוערְט צֶעמִישְׁט אוּן פַארְפְּלָאנְטֶערְט, אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן צֶעשְׁפְּרֵייט.

כְּדֵי מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנָה וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מָשָׁל אוֹיף יִשְׂרָאֵלִי'ק דֶער טַייעֶרֶער מַתְמִיד.

יִשְׂרָאֵלִי אִיז גוּט מַשְׁקִיעַ צוּ לֶערְנֶען אוּן גוּט חֲזֶרְן מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי סֻגְיָא וָואס מ'הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר אַזוֹי וֶועט עֶר גוּט קֶענֶען דִי בְּחִינָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין חֵדֶר אַז עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען אַ 'גְרוֹיסֶע גוֹרָל' צְווִישְׁן אַלֶע אִינְגְלֶעךְ וֶועלְכֶע זַאמְלֶען זִיךְ 'פֶּערְטְל שָׁעוֹת רְצוּפוֹת', פַאר יֶעדֶע פֶּערְטְל שָׁעָה לֶערְנֶען בַּאקוּמְט מֶען אַ קַארְטְל אַרַיינְצוּגֵיין אִין גוֹרָל.

יִשְׂרָאֵלִי הָאט גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת דוּרְכְאוֹיס דִי צְוֵויי וָואכְן, נָאךְ דִי שָׁעוֹת אִין חֵדֶר הָאט עֶר צוּגֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שָׁעוֹת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶרֶב